בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בראשית תשפ"ד שנה י | גליון מס' 503


## פניני אמונים

**פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה**

### דער 'יוצר בראשית' האט אונז עס געגעבן

**"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"** (א א)

רש"י ערקלערט (ע"פ ב"ר ב א) אז די ערציילונג פון בריאת העולם איז געשריבן געווארן אין תורה אונז צו לערנען אז הקב"ה איז דער האר פון דער וועלט, "אויב די פעלקער וועלן זאגן פאר די אידן: איר זענט רויבער, איר האט איינגענומען די לענדער פון די זיבן פעלקער. ענטפערן מיר: דער גאנצער וועלט געהערט צו הקב"ה, ער האט עס באשאפן און געגעבן פאר וועמען ער האט געוואלט, ער האט זיי עס געגעבן מיט זיין ווילן, און ווען ער האט געוואלט האט ער עס צוגענומען פון זיי און אונז געגעבן".

מיט דעם וועט מען פארשטיין די סיבה פארוואס ביי די תפילה "עלינו לשבח" באַ'טיטל'ען מיר דעם אויבערשטן מיטן טיטל "יוצר בראשית": די תפילה איז פארפאסט געווארן דורך יהושע ווען ער האט איינגענומען יריחו, די ערשטע שטאט אין ארץ ישראל וואס איז איינגענומען געווארן פון די פעלקער פון כנען ('כלבו' טז). כדי אפשטילן די טענה פון די פעלקער אקעגן די אידן, האט יהושע דערמאנט אין זיין תפילה די פאקט אז הקב"ה איז דער "יוצר בראשית", און אז ער וויל קען ער אוועקנעמען ארץ ישראל פון די פעלקער און עס געבן פאר די אידן.

'ברכת איש'

### אין פיר פלעצער נאך צוויי ווערטער

**"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"** (א א)

אין מסכת חולין (צא ב) רעדן ארום די חכמים איבער די חשיבות פון אידן אז זיי זענען באליבט ביי השי"ת מער פון די מלאכי השרת, אין די צייט וואס די מלאכי השרת זאגן קדושה דערמאנען זיי דעם אויבערשטנ'ס נאמען נאר נאך דריי ווערטער, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה ו ג): "וְקָרָא זֶה אֶל זֶה וְאָמַר: קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ ה'...", דערמאנען די אידן זיין נאמען נאך צוויי ווערטער, ווען זיי זענען אים מייחד מיטן זאגן דער פסוק: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד".

דער ווילנער גאון לייגט צו און זאגט אז אויסער שמע ישראל, ווערט ארויסגעברענגט די ליבשאפט אין נאך דריי פלעצער וואו דארט דערמאנט מען דעם אויבערשטנ'ס נאמען נאך צוויי ווערטער, איינס אין דער ערשטער פסוק אין תורה: "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים..."; צווייטנ'ס אין דער פסוק וואס באפעלט אונז אויף אהבת ה' (דברים ו ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'..."; און נאך, ביי די אנהויב פון אלע ברכות: "ברוך אתה ה'..."

אויף דעם לויבן מיר ביי די ברכה 'אהבה רבה', ווען מיר זאגן: "וקרבתנו לשמך הגדול", ד.מ. דו האסט אונז דערנענטערט מער פון די מלאכים מיט דעם וואס דו ערלויבסט אונז דערמאנען "שמך הגדול" נאך צוויי ווערטער, וואו? "באמת" - ביי די אנהויב פון די תורה וואס ווערט אנגערופן "אמת"; "להודות לך" - ביי די ברכות; "וליחדך" - ביי קריאת שמע; "באהבה" - ביי די קאפיטל "ואהבת".

'פרדס יוסף'

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם**
**גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### א ברכה אן קיין אמן – ווי א גוף אן קיין נשמה

אין אונזער פרשה שילדערט די תורה וויאזוי דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש; זיין קערפער האט ער באשאפן פון די ערד, פון אונטן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ב ז): "וייצר ה' אלקים את האדם עפר מן האדמה", דאקעגן זיין נשמה איז גענומען געווארן פון אויבן, אזוי ווי עס שטייט (שם): "ויפח באפיו נשמת חיים".

די הייליגע נשמה וואס הקב"ה האט אריינגעגעבן אין אונזער קערפער האט פארענדיגט אונזער באשאפן ווערן, און פון א שטיק ערד זענען מיר געווארן א לעבעדיגער מענטש. און אויף דעם וואונדערליכן חסד לויבן מיר יעדן טאג ביי די ברכה "אלוקי נשמה".

אזוי ווי מענטשן, האבן אויך די מלאכים א גוף און א נשמה. אבער אנדערשט פון א מענטש וואס זיין קערפער איז צוזאמגעשטעלט פון גשמיות'דיגע יסודות, און נאר זיין נשמה איז פון רוחניות, ביי די מלאכים - אויך זייער קערפער איז געבויעט פון רוחניות (ראה ספרי האזינו פיסקא שו).

מיט אט די הקדמה בין איך געקומען נאר קלארשטעלן א חשובער יסוד אין די דערהויבענע מעלה פון ענטפערן אמן: מיר ווייסן אלע שוין אז פון יעדע אמן וואס מיר ענטפערן, ווערט באשאפן א מלאך. אויך דער פאקט אז 'אמן' איז גימטריא 'מלאך' ליגט אויף אונזער צונג שוין א לאנגע צייט. נאר וואס? דער רבי ר' זושא פון האניפאלי לייגט צו און שמועסט אויס ברייט, דער פראצעס פון באשאפן דער מלאך הייבט זיך שוין אן ביים זאגן די ברכה, אבער ער ווערט געענדיגט בשעת'ן ענטפערן אמן; זיין 'גוף' ווערט באשאפן דורך זאגן די ברכה, און די 'אמן' בלאזט אין אים אריין די 'נשמה'. ער לייגט צו און ערקלערט אז דאס איז אויך די סיבה אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך" (ברכות נג ב), ווייל די נשמה וואס ווערט אריינגעלייגט אין דער מלאך דורך די אמן, דאס געבט אין אים אריין א חיות, און ממילא איז דאס די עיקר ('אור התורה' מאמרי רז"ל ועניינים עמ' נד).

די פריערדערמאנטע ווערטער זענען צוגעפאסט צו וואס עס שטייט אין זוהר הק' (וילך רפח ב) אז ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה, און נאר א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן איז א שלימות'דיגע ברכה. נאר א שלימות'דיגע ברכה קען באשאפן א גאנצער מלאך וואס וועט אויף אונז מלמד זכות זיין.

די ווערטער לייגן צו און ברענגען ארויס מיט א קלארקייט אז אמן איז נישט נאר א חלק פון די ברכה, נאר דאס איז די הויפט טייל פון די ברכה! ווייל די נשמה פון דעם מלאך, וואס איז זיין עיקר, קומט אין אים אריין נאר דורכ'ן ענטפערן אמן.

האבן מיר דא א מקור אויף די באקאנטע ווארט, אז א ברכה וואס ווערט נישט גאנץ מיט א אמן ווערט פאררעכנט ווי א 'גוף בלא נשמה', און ממילא דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן, פעלט אים א נשמה. איז דען דא איינער פון די וואס זאגן ברכות וואס איז מוותר אויף גענצליכע מלאכים? עס איז אינטערעסאנט אז די זאך ליגט אין אונזערע הענט!

**בברכה שלימה ונאמר אמן**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# "יהי אור, ויהי אור!"

יעצט איז די פארטאגס שעה'ן אין די הויפט שוהל פון סערדעהאלי אין סלאוואקיי. דער עלטערער שמש ר' יואל איז פארנומען מיט זיין טאג טעגליכע ארבעט פון צוגרייטן די ליכט אין שוהל, וואס צו דעם האט ער זוכה געווען האבנדיג די תפקיד פון זיין שמש אין שוהל, אנגעהויבן מיט צענדליגער יארן צוריק נאך בחיים חיותו פון דעם באקאנטער רב, רבי יהודה אסאד זי"ע, און אין די לעצטערע יארן עס פארגעזעצט אונטער זיין זון רבי אהרן שמואל זצ"ל.

אין אזא צייט זענען געווענליך נישט געווען קיין מענטשן אין שול אויסער אים. דאס מאל איז איינער פון די קהילה אויפגעשטאנען פרי און געקומען אין שול, דאס איז געווען אייזיק דער רייכער פארמער.

אייזיק איז געשטאנען און געקוקט אינגאנצן פארוואונדערט אויף וואס ער זעהט, עס האט אים אויסגעזען ווי דער בילד איז גענומען געווארן פון אנדערע וועלטן; אינדרויסן האט געהערשט א פינסטערניש, און אינעווייניג האט זיך דאס ליכטיגקייט צושפרייט און אנגעפילט דעם חלל פון שוהל מיט הייליגע פונקען. ר' יואל האט דעמאלט אויסגעזען אין אייזיק'ס אויגן ווי דער כהן גדול וואס צינדט אן די ליכט אין די הייליגע מנורה; מיט א זריזות איז ער געגאנגען פון איין לייכטער צו די צווייטע, פון גלעזל צו גלעזל, אויסגעליידיגט די איבערגעבליבענע פון דעם פריערדיגן טאג און אנשטאט דעם אנגעצינדן א נייע ליכט, און ווען די פלאם האט זיך געהויבן, האט ער מיט התלהבות געזאגט דעם פסוק וואס שטייט ביי די מעשה בראשית (בראשית א ג): "ויהי אור".


דער שוהל אין סערדעהאלי

דער וואונדערליכער סצענע האט ערוועקט אין יצחק'ס נשמה א שטארקע קנאת סופרים. ער האט זייער שטארק געוואלט זוכה זיין צו די שטעלע. ער האט פארשטאנען אז דאס איז זייער א גרויסע זכות און איז גרייט געווען צו צאלן אויף דעם א גרויסע סומע. "ר' יואל" האט זיך אייזיק געווענדן צום שמש "איך בין גרייט צו צאלן יעדן וואך צוויי פלארינען, בתנאי אז איר געבט מיר איבער די זכות פון רייניגן די לייכטער און אנצינדן די ליכט".

ר' יואל איז געבליבן שטיל עטליכע סקונדעס. ווער נאך ווי ער ווייסט די קדושה פון די ארבעט. אבער ענדליך האט ער באשלאסן צושטימען צו דעם אפמאך, נאר צוליב די גרויסע סומע וואס אייזיק האט זיך אנגעטראגן צו באצאלן, וואס מיט דעם וועט ער קענען טוישן זיין לעבן און ארויסגיין פון זיין ארמקייט.

פון יענעם טאג איז נישט געווען מער א צופרידענער פון אייזיק. אויב ביז יעצט האט אים זיין געוויסן געמוטשעט אויף דעם וואס ער האט נישט זוכה געווען צו לערנען תורה, האט ער זיך יעצט געפילט ווי א געהויבענער מלאך. איז דאס א קלייניקייט אין דיינע אויגן צו האבן די זכות פון אנצינדן די ליכט אין שול, און זיין ווי דער כהן וואס צינדט אן אין בית המקדש!

אבער אין דער צייט איז אין דעם שמש'ס געוויסן פארגעקומען דער פארקערטער פראצעס. זיין געוויסן האט אים געהאלטן אין איין שלאגן; וויאזוי האט ער אפגעלאזט אזא חשובע און געהויבענע תפקיד צוליב געלט?! און דערנאך וואס איז נאר אריבער איין חודש האט ער זיך געטראפן שטיין ביים טיר פון דעם געשעצטן מרא דאתרא רבי אהרן שמואל, וועלנדיג זיך שואל עצה זיין וואס ער זאל טון.

רבי אהרן שמואל וועלכער פלעגט געווענליך ענטפערן זיינע תשובות אויפן פלאץ, האט דאס מאל זיך פארזוימט פון ענטפערן. ער האט זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען, און פארן ענטפערן האט ער געפרעגט דעם שמש: איז עס ריכטיג אז אייזיק האט א יונגע טאכטער? - האט דער רב געפרעגט, און ר' יואל, וועלכער האט נישט געקענט פארשטיין די שאלה, האט גלייך געענטפערט: "יא, ער האט איין איינציגע טאכטער, זי איז אלט זעקס יאר, און זי הייסט יוטא". "און ווי אלט ביסטו?" האט דער מרא דאתרא ממשיך געווען צו פרעגן, "ניין און זעכציג יאר", האט געענטפערט ר' יואל.

דאן האט דער מרא דאתרא זיך געווענדן צו ר' יואל און אים געזאגט: "ר' יואל טייערער, אנטשולדיגט מיר אויף וואס איך גיי דיר זאגן, דאס וואס דו האסט געטוהן איז נישט ריכטיג, אין דיין געהאלט וואס ווערט פאר דיר געצאלט פון די קאסע פון קהל, איז אריינגערעכנט אויך די ארבעט פון צוגרייטן און אצינדן די ליכט, פארוואס זאלסט איר נעמען א דאפלטן געהאלט?!"

"אבער די אפמאך זאלסטו נישט אפזאגן", האט דער רב ווייטער געזאגט און באפוילן, "נעם ווייטער די געלט, אבער לייג עס אוועק ביז דו וועסט עס דארפן אויף א געוויסע הייליגע צוועק. אויב איר וועט אזוי טוהן, זאג איך דיר צו אז דו וועסט האבן אריכות ימים".

זייענדיג פארקויפט אויף דעת תורה האט ר' יואל אויפגעהערט זיך צו נוצן מיט די געלט. ער האט געלאזט מאכן א קופערנע קאסע ווי ער האט יעדן חודש אריינגעווארפן די געלט וואס ער האט באקומען פון אייזיק.

זינט דעמאלט איז אדורך בערך פערצן יאר. ר' יואל איז שוין געווען העכער די עלטער פון גבורות, און די רב'ס ברכה איז ביי אים מקויים געווארן. ער האט זיך נאך געפארעט מיט די אלע געברויכן פון בית המדרש ווען ער איז געזונט און פריש, ווען אייזיק פון זיין זייט האט מיט זיין ברען ווייטער געטריי' אנגעצינדן די ליכט יעדן אינדערפרי. אין יענע צייט האט אייזיק א שידוך געטוהן מיט זיין איינציגע טאכטער. לויט זיינע מעגליכקייטן האט ער צוגעזאגט פארן חתן א גרויסן נדן, און אלע האבן שוין אויסגעווארט אויף די חתונה וואס האט זיך דערנענטערט.

אבער פונקט אינמיטן די פרייליכע תקופה האט פאסירט א אומגליק. צוליב א אומגעראכטענע פינאנציעלע פאסירונג האט אייזיק אין איין העלן טאג פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן, און איז געבליבן אן גארנישט. און מער וואס די ארעמקייט האט אים דערקוטשעט, האט ער זיך געזארגט אויף דעם וואס ער האט נישט פון וואו צו צאלן די פופצן הונדערט פלארינען וואס ער האט זיך אונטערגענומען פאר נדן. אין דער מינוט וואס מען וועט זיך פון דעם דערוויסן, האט ער געוואוסט, וועט דער שידוך בטל ווערן.

אויפצומארגנ'ס איז ער ווייטער געקומען טוהן זיין הייליגע ארבעט ווי יעדן טאג, אבער דער עלטערער ר' יואל האט באמערקט זיין ענגשאפט און אים געבעטן ער זאל אים דערציילן זיינע שוועריגקייטן. ער האט ארויסגעוויזן מיטלייד הערנדיג וועגן דעם בראך וואס האט אים געטראפן, אבער מיטאמאל האט אים דער זכרון אויפגעבליצט און א שמייכל האט זיך פארשפרייט אויף זיינע ליפן; יעצט האט ער פארשטאנען די סיבה פארוואס דער מרא דאתרא האט זיך פאראינטערעסירט מיט בערך פערצן יאר צוריק אויף ר' אייזיק'ס טאכטער. דער רב האט אים באפוילן צו האלטן דאס געלט פאר א הייליגן צוועק, און יעצט איז עס אנגעקומען.

ר' יואל האט זיך געאיילט אהיים גיין און מיט ציטערנדיגע הענט געעפנט די קופערנע פושקע אין וועלכן ער האט אריינגעלייגט די צוויי פלארינען וואס ער האט באקומען יעדן חודש פון אייזיק, און אריינגעלייגט דאס גאנצע געלט וואס האט זיך אנגעזאמלט אין בייטל.

ער איז צוריק אין שול און האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף אייזיק'ס פלייצע: "ר' איזיק, קענסט זיין רואיג, נעם פון מיר די בייטל געלט, אין דעם איז דא גענוג צו דעקן דעם נדן וואס דו האסט צוגעזאגט, דו וועסט זיכער זיין איבערראשט צו הערן אז די געלט איז דיינ'ס". און דאן האט ר' יואל דערציילט פאר אייזיק די גאנצע השתלשלות הדברים, ווי דער רב האט מיט זיין חכמה אים באפוילן אוועקלייגן דאס געלט, און אויף צוריק האט זיך ארויסגעוויזן אז ער האט דאס דירעקט צוגעגרייט פאר די כלה, ר' אייזיק'ס טאכטער.

אין די מינוט האט ר' יצחק אנגעצינדן די לעצטע ליכט, די וואס זענען ביי דעם חזנ'ס עמוד. ער האט אראפגעלאזט זיין קאפ אויף דעם גרויסן סידור וואס איז געליגן אפן אויפן עמוד ביי די ברכות השחר, און א שטראם טרערן איז ארויס פון זיינע אויגן. רבי יואל, וועלכער איז געשטאנען נעבן אים, האט מיט גרויס התרגשות געזאגט די ברכה "ברוך אתה ה'... שלא עשני גוי", און אלע האבן געענטפערט אמן מיט גרויס התרגשות.

'ספר זכרון לקהילת דונאסערדהאלי' עמ' 205

# די כוונה פון ענטפערן אמן

## די כוונה פון אמן לויטן גר"א

**לויט דעם גר"א איז די כוונה ביים ענטפערן אמן אויף אלע ברכות דאס זעלבע: הלוואי' עס זאל מקויים ווערן די ווערטער פון דער מברך אז דער אויבערשטער זאל געלויבט ווערן.**

ביאורים ומקורות:

אזוי שרייבט דער גר"א אין 'אמרי נועם' (ברכות ס ב): "אמן איז טייטש אז ער באשטעטיגט דאס וואס מען האט געלויבט הקב"ה, און נישט אזוי ווי די וואס שרייבן אז עס איז דא א חילוק ביי די כוונה פון ענטפערן אמן, עס איז נישט אזוי, נאר ביי יעדע אמן דארף מען אינזין האבן נאר איין כוונה". אזוי ווערט אויך געברענגט אין 'כתר ראש' (אות נה), און אזוי פסק'נט אויך דער 'חיי אדם' (ו א). אויך אין ספר 'הצדיק ר' יוסף זונדל מסלנט ורבותיו' (עמ' קיג) ווערט געברענגט אז ער האט נאכגעזאגט אין נאמען פון הגר"א: "לולי דמסתפינא אמינא לכוון באמן רק הלוואי".

די הסבר פון דעם איז אזוי: לויטן גר"א די ווארט "ברוך" וואס ווערט געזאגט אנהויב די ברכה, איז נישט קיין לויב (ראה ספר החינוך תל), נאר א בקשה אז יהי שם ה' מבורך, אזוי ווי דער 'חיי אדם' שרייבט (שם) אין זיין נאמען. מיטן ענטפערן אמן שטעלט זיך צו דער עונה צו די בקשה פון דער מברך, און טוהט האפן הלוואי' זאל דעם אויבערשטנ'ס נאמען געלויבט ווערן. מיט דעם קריגט דער גר"א אויף די באשלוס פון די פוסקים (ראה שו"ע קכד ו ובנושאי כלים שם) אז די אמן גייט ארויף אויף די גאנצע אינהאלט און איר אויספיר, און לויט זיין שיטה דאס ענטפערן אמן גייט ארויף נאר אויף די בקשה וואס ווערט געזאגט ביי די אנהויב ברכה (ראה 'ברכת אברהם' סנהדרין קיא א).

דער 'משנה ברורה' (קכד כד) שרייבט אין נאמען פון 'חיי אדם', אז מען דארף **אויך** אינזין האבן די כוונה. און פון זיינע ווערטער זעהט אויס (ראה שם כה) אז ער האלט דער עיקר לויט די פוסקים אז ביי יעדע אמן זאל מען אינזין האבן לויט זיין ענין: 'אמת' אדער 'יהי רצון' אדער ביידע, און ברענגט צו די ווערטער פון 'חיי אדם'. ווי נאך א כוונה ביים ענטפערן אמן.

# אוצרות אמונים

## ענטפערן אמן מיט כוונה

### דער עיקר פון אמן איז די כוונה

פון די ווערטער פון טור (או"ח רכד) וואס איז מאריך אין דעם גרויסן חיוב פון אינזין האבן ביים ענטפערן אמן, לערנט ארויס דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער הקרבן פרק ה) "דער עיקר ענטפערן אמן איז די כוונה און נישט נאר ענטפערן די ווארט".

אין נאמען פון רבי חיים וואלאזשינער ווערט געברענגט אז אויף זאגן אמן אן כוונה האט ער נישט געטראפן קיין שום לימוד זכות (כתר ראש אות כה). אין ספר 'נפש שמשון' (תפילה, עמ' רמב) ערקלערט ער, ווייל די ווארט אמן האט אינגאנצן נישט קיין באדייט ווען עס איז פאר זיך, עס איז נאר א באשטעטיגונג אויף די ווערטער פון דער מברך, דערפאר אויב דער מענטש האט נישט אינזין ביים ענטפערן, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט גארנישט געזאגט.

### איר מעלה איז מחייב מער כוונה

נאך שרייבט דער בעל 'יסוד ושורש העבודה' (שער הקרבן פרק ה) אז פון די רייד פון די חכמים (נזיר סו ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", קען מען לערנען ווי ווייט איז דער חיוב אינזין האבן ביים ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער: "מען דארף מער און מער אינזין האבן ביים ענטפערן אמן, ווייל די מעלה און די שכר פון דער 'עונה' איז מער פון דער 'מברך', אזוי אויך די כוונה פון דער עונה דארף זיין מער פון דער מברך".

### די פארזיכטיגקייט פון אינזין האבן ביים ענטפערן אמן

דער בעל 'יסוד ושורש העבודה' לייגט צו און שרייבט (שער הקרבן פרק ו) אז יעדער וואס זעהט ווי ווייט דער זוהר הק' (וילך רפה ב) איז מחמיר אין דער עונש פון דער וואס ענטפערט נישט אמן מיט כוונה, "פלגי מים תרד עיניו על לא-שמרו עניית אמן כראוי, יומם לא ישכב ולילה לא ינוח, מפחד לבבו אשר יפחד וממראה עיניו אשר יראה...". אין פארבינדונג צו דעם זאגט אויף זיך דער 'יסוד ושורש העבודה' אין זיין צוואה (סי' טו): "איך האב זייער אכטונג געגעבן ביים ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה, מיט די כוונה וואס איך האב געשריבן אין מיין חיבור, ד.מ. אז ביי ברכות השבח האב איך ביים ענטפערן אמן אינזין געהאט די שבח וואס מען דערמאנט ביי די ברכה און איך האב נישט אפגעכאפט די ווארט אמן אן כוונה, און איר זאלט אויף דעם אויך זייער אכטונג געבן".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים' וואס געבן ארויס יעדע וואך א גליון און טוהן מלאכת ה' באמונה, תהי משכורתם שלימה, און געבענטש ווערן מיט אלע ברכות.

איך האב געטראכט אייך מיטטיילן מיט א וואונדערליכן געדאנק וואס איז מיר איינגעפאלן, און איך בעהט פון אייך איר זאלט עס אראפברענגען אין ענקער וואונדערליכע אכסניה פון חיזוק אויף ענטפערן אמן.

ווי באקאנט ברענגט דער חיד"א אין ספר 'נחל קדומים' אין אונזער פרשה אין נאמען פון די גורי האר"י, אז די ערשטע ווארט אין תורה: "בְּרֵאשִׁית', איז ראשי תיבות: "בקול רם אברך שם יי תמיד", און לייגט צו "מכאן רמז שיש לברך בקול רם שיענו אמן".

ביי די תפילה "עלינו לשבח", זאגן מיר: "לתת גדולה ליוצר בראשית", איך האב געטראכט אז אין דעם איז דא א רמז פאר יעדער וואס וויל "לשבח לאדון הכל לתת גדולה ליוצר" ווי עס דארף צו זיין און בשלימות, דארף ער זיך פירן מיט די הנהגה פון "בראשי"ת - בקול רם אברך שם ה' תמיד".

מיט א וואונטש

**חיים בערגמאן**
**בני ברק**

מען קען שיקן בריוון צו די
פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס:
9139191@gmail.com

# אריכות ימים אזוי ווי די סומע פון אמן

**די פאלגנדע מעשה וואס איז פארגעקומען מיט צענדליגער יארן צוריק, איז געהערט געווארן ערשט האנטיג פון אן אמעריקאנער איד, וועלכער איז אליין א עדות אויף די מעשה זייענדיג א יונג בחור'ל א איינוואוינער אין די 'איסט סייד' דיסטריקט, וואס איז דעמאלט געווען דער אידישער צענטער פון מאנהעטן:**

אין יענע ווייטע יארן האט געוואוינט אין די 'איסט סייד' געגענט א אלטער איד, וועלכער האט געווידמעט זיין לעבן צו מחזק זיין די מצוה פון ענטפערן אמן. דער איד, איז געווען באקאנט אלס א "לעבעדיגער סימבאל" אויף די מצוה פון ענטפערן אמן, אזוי ווייט אז די קינדער פון די אומגעגענט האבן אים אנגערופן מיט ליבשאפט: 'די אמן-מֶען'.

די 'אמן' וואס האט זיך געהערט פון זיין מויל ווען עס איז געזאגט געווארן א ברכה אין שול, איז געווען פאר די צוהערער ווי א רוף און ווי אזוי מען דארף ריכטיג ענטפערן 'אמן'; אויפן קול, געלאסן און מיט כוונה, און אויף זיין וואונדערליכן וועג, האט דער מענטש נאכגעשלעפט נאך אים די אנדערע מתפללים.

ווען ער האט דערגרייכט צו די עלטער פון פינף און זיבעציג יאר, ווען ער איז פול מיט מצוות און מעשים טובים, האט ער פלוצים געליטן פון אן ערנסטע הארץ קרענק. אין יענע צייטן ווען די מעדיצינישע וועלט איז נישט געווען פארגעשריטן ווי היינט, און די וואס זענען קראנק געווען אויף די קראנקייט האבן נישט געהאט אסאך אויסזוכטן צו מאריך ימים זיין. דער ספעציאליסט, צו וועמען ער איז געגאנגען באגלייט מיט זיין זון, האט אדורכגעפירט גרונטליכע טעסטן, און אים איבערגעגעבן צוויי אויסוואלן, איינס א שלעכטע, און די צווייטע נאך א ערגערע...

די ערשטע אפציע איז געווען אדורכצופירן א קאמפליצירטע הארץ אפעראציע, פון וועלכן די שאנסן פון ערהוילונג זענען גאנץ שוואכע, און די צווייטע אפציע איז געווען צו 'הייבן די הענט' און ווארטן אויף די ענדע... וואס לויט דעם דאקטער'ס ווערטער גייט עס קומען אין א קורצע צייט.

דער דאקטער וועלכער איז געווען געוואוינט צו זעהן אין זיין צימער מענטשן וואס פאלן אריין אין א פאניק און פארצווייפלונג, איז אינגאנצן איבערראשט געווארן נאכן ענדיגן זיינע ווערטער ווען דער מענטש האט אים געדאנקט און זיך געווענדן ארויסגיין פון צימער מיט רואיגע טריט, ווען ער רופט אויס מיט א אנטשלאסנקייט, אז ער וועט נישט אריבער גיין די אפעראציע, עס זאל זיין וואס עס זאל זיין!

אינדרויסן פון דאקטער'ס צימער האט דער זון זיך נישט געקענט מער איינהאלטן, און פון זיין מויל איז ארויס די פראגע: "טאטע, פארוואס?! וויאזוי האסטו גענומען אויף דיר אזא שווערע אחריות וואס באדייט לעבן און טויט? איז דען נישט בעסער דו זאלסט זיך בארעטן מיט נאך א ספעציאליסט איידער מען טוהט באשליסן?"

דער טאטע'ס קלארער ענטפער איז געווען איבערראשנד און רירנד:

"מיין טייער קינד, דו ווייסט דאך אז אין לויף פון אלע מיינע יארן האב איך אסאך געטוהן פאר די מצוה פון ענטפערן אמן, דאס איז די מצוה וואס אויף דעם זענען מיר צוגעזאגט געווארן פון חז"ל (ברכות מז ב): "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו". איב אזוי, זאג דו אליין, וויבאלד די ווארט 'אמן' איז גימטריה 91, מעג איך זיין רואיג לכל הפחות ביזן אנקומען צו מיין איין און ניינציגסטע יאר..." - האט דער פאטער אויסגעפירט מיט א שמייכל - "פארוואס דארף איך צושטימען אויף א אפעראציע וואס קען חלילה פארקורצן מיינע יארן?!".

דער זון לייגט צו און זאגט:

פארקערט פון די פארויסזאגן פון די דאקטוירים, איז מיין טאטע טאקע געזונט געווארן דורך א העכטע נס, און האט זוכה געווען צו אריכות ימים מיט געזונט.

אין זיין ניינציגסטן געבורטסטאג האב איך געפרעגט מיין טאטן: "טאטע, געדענקסט וואס דו האסט מיר געזאגט אז דו וועסט לעבן צום וויניג'סטנס ביז איין און ניינציג יאר? דו גייסט יעצט אריין אין דיין איין און ניינציגסטער יאר, וואס איז ווייטער?...". האט ער מיך געענטפערט מיט א ווערטער'ל, אז שוין א לאנגע צייט וואס ער האט אנגעהויבן צו ענטפערן 'אמן סלה'...

עטליכע חדשים שפעטער, זייענדיג אין זיין איין און ניינציגסטע יאר, האט מיין טאטע צוריקגעגעבן זיין נשמה צו איר באשעפער מיט א מיתת נשיקה. ויהי לפלא.

**געהערט פון פרוי א. שטערן די ארויסגעבערן פון די ספר 'מילה אחת אמן'**



# דער 'אשל אברהם' פון בוטשאטש

## כ"ט תשרי תר"א



בית הקברות און בוטשאטש

רבי אברהם דוד ווארהמאן איז געבוירן צו זיין פאטער רבי אשר אנשיל אין יאר תקל"א אין די שטעטל נדבורנא וואס איז אין גאליציע. שוין אין זיין יוגנט איז ער באקאנט געווארן אלץ א עילוי, און דער רב פון בוטשאטש, רבי צבי הירש בעל קרא 'נטע שעשועים', האט אים גענומען פאר א איידעם צו זיין טאכטער.

אין עלטער פון צוואנציג יאר איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין יאזלאוויץ וואס איז אין גאליציע, דא האט ער ערשטע מאל זיך באקאנט מיט רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב, און פון דעמאלסט האט ער זיך מדבק געווען אין אים.

נאך די פטירה פון זיין שווער אין יאר תקע"ד איז ער אויפגענומען געווארן צו זיין דער ממלא מקום אין די רבנות פון בוטשאטש, א אויפגאבע וואס ער האט ערפילט ביזן לעצטן טאג. ער איז באקאנט געווארן אלס איינער פון די גרויסע פוסקי הדור, און הונדערטער תלמידים האבן געלערנט ביי אים תורה און חסידות.

ער איז נפטר געווארן כ"ט תשרי אין יאר תר"א און איז באערדיגט געווארן אין בוטשאטש. רבי שלמה קלוגער פון בראד האט אין זיין הספד אויף אים געזאגט: "מען האט אים צוגעטיילט כבוד ביי זיין פטירה, ווייל ער איז נישט אוועק אזוי ווי יעדער מענטש, נאר מען האט אים פון פריער געמאלדן די טאג פון זיין הסתלקות, און ער האט איבערגעגעבן זיין נשמה לויט זיין ווילן, כמעט ווי מיתת נשיקה, און איז געשטארבן ווי א מלך ישראל" ('עין דמעה' הספדים משנות תקע"ד - תר"א, הספד נ).

ער האט מחבר געווען ספרים אויף די פיר חלקי 'שלחן ערוך': 'אשל אברהם' אויף חלק 'אורח חיים'; 'דעת קדושים' אויף 'יורה דעה'; 'כסף הקדשים' אויף 'חושן משפט'; 'עזר מקודש' אויף 'אבן העזר'.

### ברכות השחר פאר צוויי

אין זיין ספר 'אשל אברהם' (או"ח תפז ד) שרייבט רבי אברהם דוד פון בוטשאטש אז דער מברך דארף אויפהייבן זיין שטימע בשעת'ן זאגן די ברכה, כדי די וואס שטייען ארום אים זאלן הערן און ענטפערן אמן נאך זיין ברכה. און לייגט צו אז ער האט געהערט אז רבי יוסף הוליס, טיסמעניצער רב [דער רבי פון 'פני יהושע'] האט זיך געפירט יעדן טאג צו זאגן די ברכות השחר פאר צוויי מענטשן וואס האבן געענטפערט אמן. [און קוק נאך אין זוה"ק (ויצא קס א), אז פון דעם וואס ענטפערן אמן אויף א ברכה לערנט מען פון דער פסוק (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו", זעהט מען אז צוויי דארפן ענטפערן אמן נאכן מברך, ווייל דער פסוק זאגט "הבו" בלשון רבים].